בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

## פַּרְשַׁת תְּרוּמָה

**תשפ"א**

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיינְפְלֶעכְטְן דִי פִינְגֶער פוּן אֵיין הַאנְט אִין דִי אַנְדֶערֶע?.............................................................א

זָאל אִיךְ גֵיין בַּאזוּכְן מַיין זֵיידֶע וָואס קְרִיטִיקִירְט מִיר אַסַאךְ?.....ג

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ?...................ד

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף פַּארְפִירְן?..........................................................................ו

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ שְׁנַיידְן דִי בָּארְד?.........ח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ הֶעלְפְן, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.......................................................א

קוּם הֶערְן נָאכְאַמָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר לִיבּ אוּן הֶערְט דִיךְ אוֹיס..................................................................ב

עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אַז מֶען וֶועט אַייךְ אָפְזָאגְן פוּן דִי אַרְבֶּעט.................................................................................ב

עֶס פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט וֶוען יֶענֶער לַאכְט.......................ד

קִינְדֶער וֶוערְן צֶעשְׁנִיטְן טָאג טֶעגְלִיךְ..............................ה

מֶען דַארְף דִיךְ הָאבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען דַארְף דָארְט אַסַאךְ מֵפִיצִים..........................................................................ו

דְרֵיי זַאכְן צוּ קוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ..........................................ח

נֶעם נִישְׁט אָן דִי אַרְבֶּעט וָואס מֶען דַארְף דָארְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן ........................................ ט

וִוי מֶער מֶען אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע, אַלְץ מֶער כֹּחַ בַּאקוּמְט מֶען ...... ט

כַּעַס אִין שְׁטוּבּ מַאכְט אַלֶעס חָרוּב .............................. יב

קוּקְן שְׁמוּץ מַאכְט מֶען זָאל זַיין נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן ............ יג

לָאזְט אַייעֶר מַאמֶע אַרוֹיסְגֶעבְּן אִירֶע וֶוייטָאגְן ...................... יד

לַייְן אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו מִיט אַ שֵׁיינֶעם טָאן, וֶועסְטוּ זֶען גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ ........................................ טו

נָאר מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק. טז

אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת זָאלְן נִישְׁט דְרֵייְוְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן ......... יט

יֶעצְט עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן ................................ יט

דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף עֶנְגְלִישׁ אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין .................. כ

דֶער גִלְיוֹן פוּן שְׁטֶעטְל לֶעבְּט אוֹיף דֶעם שַׁבָּת טִישׁ ................ כ

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי בָּחוּרִים נִישְׁט צוּ גֵיין אִין רֶעסְטוֹרַאנְט בַּיינַאכְט ........................................ כא

זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְּן ................................ כב

שֵׁיין צוּ זֶען וִוי דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ בֵּית הַדְפוּס בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ ........................................ כה

מֶען בַּאקוּמְט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת וֶוען מֶען הֶערְט רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן ........ כו

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ מֶען גֵייט עֶסְן ................ כז

וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם יוֹם הַחֻפָּה ................................ כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיינְפְלֶעכְטְן דִי פִינְגֶער פוּן אֵיין הַאנְט אִין דִי אַנְדֶערֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ זֶע בַּיי דִי קִינְדֶער אַז זֵיי פְלֶעכְטְן אַרַיין דִי פִינְגֶער פוּן דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אִין דִי לִינְקֶע הַאנְט, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן צִי עֶס אִיז דָא אַ מְקוֹר אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפְלֶעכְטְן דִי הֶענְט אֵיינֶע אִין דִי אַנְדֶערֶע?

אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט, עֶפֶּעס אַ טַעַם ווַייל דָאס אִיז אַ צֵלֶם, אָבֶער אִיךְ ווִיל זֵיי נִישְׁט זָאגְן דָאס נִישְׁט צוּ טוּן ווֶען אִיךְ בִּין נִישְׁט זִיכֶער אַז דָאס הָאט אַ מְקוֹר לְאִסּוּר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, מְבָרְכִים אֲדָר, כ״ה שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְפְלֶעכְטְן דִי פִינְגֶער אֵיינְס אִין צְווֵייטְן, דָאס בְּרֶענְגְט דִינִים אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס.**

**אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע תַּלְמִידִים דָאס נִישְׁט צוּ טוּן. דֶער**

מְקוֹר פוּן דֶעם אִיז דֶער אֲרִיזַ"ל, דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת אָנְהֵייבּ פַּרְשַׁת עֵקֶב, דַף לז:): "אָסוּר לָאָדָם לְחַבֵּר וּלְשַׁלֵּב אֶצְבְּעוֹת יַד יְמִינוֹ עִם אֶצְבְּעוֹת יַד שְׂמֹאלוֹ", מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְפְלֶעכְטְן דִי פִינְגֶער פוּן דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אִין דִי לִינְקֶע הַאנְט, "כְּמוֹ שֶׁנּוֹהֲגִים לַעֲשׂוֹת בְּנֵי אָדָם לְפִי תּוּמָם דֶרֶךְ מִקְרֶה", אַזוֹי ווִי מֶענְטְשְׁן טוּעֶן וֶוען מֶען טְרַאכְט נִישְׁט, מֶען לֵייגְט דִי פִינְגֶער אֵיינְס אִין צְוֵוייטְן, "וְהַטַּעַם הוּא לְפִי שֶׁהֵם כֹּחוֹת עֶלְיוֹנִים יְמָנִיִּים וּשְׂמָאלִיִּים, וְאֵין לְעָרְבָם", ווַייל דִי פִינְגֶער ווַייזְן אוֹיף הוֹיכֶע כֹּחוֹת, דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אִיז חֲסָדִים אוּן דִי לִינְקֶע הַאנְט ווַייזְט אוֹיף דִינִים אוּן מֶען טָאר דָאס נִישְׁט אוֹיסְמִישְׁן.

דָאס וָואס מֶען זֶעט בַּיי מֶענְטְשְׁן, זֵיי כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט אוּן לֵייגְן אַרַיין דִי פִינְגֶער אֵיינֶע אִין דִי אַנְדֶערֶע, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (וַיִּקְרָא כד.): "כֵּיוָן דִשְׂמָאלָא אִסְתְּכַם בִּימִינָא", וֶוען בֵּיידֶע כֹּחוֹת - דִי לִינְקֶע מִיט דִי רֶעכְטֶע, בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם - ווִילְן שְׁטְרָאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "כְּדֵין לָא תַּלְיָא בִּתְשׁוּבָה, וְהָא אוּקְמוּהָ", דֶעמָאלְט קוּמְט דֶער עוֹנֶשׁ, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "וּכְדֵין כֹּלָּא אִסְתְּכָמוּ עָלֵיהּ בְּדִינָא", ווַייל אַלֶע ווִילְן עֶס זָאל קוּמֶען דִי שְׁטְרָאף אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, "וְדִינָא שַׁרְיָא עָלֵיהּ" עֶס רוּט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ דִינִים, "וְכַד דִינָא אִשְׁתְּלִים וְשַׁרְיָא עָלֵיהּ דְּבַר נָשׁ, כְּדֵין אִסְתְּיָים", אוּן וֶוען דִי דִינִים רוּעֶן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, "וְאִתְתְּקָנוּ אֶצְבְּעָן, חָמֵשׁ בְּגוֹ חָמֵשׁ, יְמִינָא בִּשְׂמָאלָא", דֶעמָאלְט לֵייגְט דֶער מֶענְטְשׁ אִינְאֵיינֶעם זַיינֶע פִינְגֶער, דִי רֶעכְטֶע אִין דִי לִינְקֶע, "לְאַחֲזָאָה דְּהָא כֹּלָּא אִסְתְּכָמוּ עָלֵיהּ בְּהַהוּא דִינָא", צוּ ווַייזְן אַז בֵּיידֶע כֹּחוֹת זֶענֶען מַסְכִּים צוּ שְׁטְרָאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְיָדוֹי מִתְיַשְּׁרָן, לְאַחֲזָאָה מִלָּה בְּלָא כַּוָונָה דְּבַר נָשׁ", אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אַז דִי פִינְגֶער לִיגְט אֵיינְס אִין צְוֵוייטְן אָן כַּוָונָה, דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַלֵיינְס נִישְׁט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, "וְלָא יִתְכְּווּן בֵּיהּ", עֶר טוּט דָאס נִישְׁט מִיט כַּוָונָה, עֶס פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; קוּק נָאךְ דֶעם לָשׁוֹן פוּן זוֹהַר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ גֵיין בַּאזוּכְן מַיין זֵיידֶע וָואס קְרִיטִיקִירְט מִיר אַסַאךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל פְּרֶעגְן אוֹיב אִיךְ דַארְף גֵיין בַּאזוּכְן מַיין זֵיידֶע וָואס עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר אוּמְבַּאקְוֶועם וֶוען אִיךְ בִּין דָארְט, עֶר גֶעבְּט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ קְרִיטִיק; יֶעדֶע רִיר וָואס אִיךְ גֶעב מַאכְט עֶר מִיר שְׁפִּירְן פוּן דֶעם זֵייעֶר נִישְׁט בַּאקְוֶועם.

אוֹיב גֶעפוּן אִיךְ זִיךְ אִין זַיין גֶעגְנְט אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרַיין צוּ אִים וֶועט עֶר מִיר פָארְהַאלְטְן פַארְוָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ צוּ גֵיין צוּ אִים? עֶר קְרִיטִיקִירְט מִיר צוּפִיל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי פְּרַאגֶע, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ גֵיין בַּאזוּכְן עֶלְטֶערְן אוּן עֶלְטֶערְנְס עֶלְטֶערְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען בַּאקוּמְט נָאר קְרִיטִיק. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן קְרִיטִיק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כט): ״כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים״; גוּטֶע וֶוערְטֶער, פַּאזֶעטִיוֶוע וֶוערְטֶער - הָאט מֶען לִיבּ צוּ הֶערְן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן זִיכֶער צוּ דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה, אַז דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן וֶועלְן קוּמֶען בַּאזוּכְן אוֹיף דִי עֶלְטֶער. דִי עֶלְטֶערְן וָואס רֶעדְן שֵׁיין, זוּכְן דָאס גוּטְס אִין יֶעדְן קִינְד, אִין יֶעדְן אֵיינִיקֶל - צוּ זֵיי הָאט מֶען לִיבּ צוּ קוּמֶען. דִי אֵיינִיקְלֶעךְ פְרֵייעֶן זִיךְ אַלְץ וֶוען מֶען קֶען גֵיין צוּ דִי זֵיידֶע אָדֶער דִי בַּאבֶּע

וָואס רֶעדְט שֵׁיין, שְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער.

מִיט דֶעם אַלֶעם וָואס דַיין זֵיידֶע קְרִיטִיקִירְט דִיר, זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ גֵיין אִים בַּאזוּכְן; וֶוען עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִיר אוּן גֶעבְּט דִיר פְּסָקִים - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ; מִמָּה נַפְשָׁךְ, אִיז דָאס זַאכְן וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארְעֶכְטְן - זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ זֵיידִי, אִיךְ הָאבּ לִיבּ וֶוען זֵיידִי זָאגְט מִיר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן", אִיז עֶס סְתָּם שְׁלֶעכְטִיקֵייט, נֶערְוֶועזְקֵייט - זָאלְסְטוּ רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין, נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן צוּ זַיין אַ פְּשׁוּט'עֶר אִיד אוֹיף דֶער עֶלְטֶער"; יֶעצְט אִיז דִי צַייט מִיר זָאלְן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי מִידוֹת, מִיר זָאלְן מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב), זוּכְן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע זַאכְן, זֶען דָאס גוּטְס בַּיי זִיךְ אִין בַּיי אַנְדֶערֶע; יֶעצְט אִיז דִי צַייט אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט, אַרְבֶּעטְן נִישְׁט צוּ קְרִיטִיקִירְן אַנְדֶערֶע נָאר רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט צוּ אֵיינֶעם, "אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דַיין בְּרִיוו וָואס דוּ הָאסְט מִיר שׁוֹין גֶעשִׁיקְט צְוָואנְצִיג מָאל, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען בֶּעסֶער אַז אַנְשְׁטָאט מִיר צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, זָאלְסְטוּ עֶס עֶנְדֶערְשׁ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

הָאבּ אִיךְ דַאן פַארְשְׁטַאנֶען אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶוען אַז אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אִינְדֶערְפְרִי, וָואלְט אִיךְ עֶס וֶוען עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן

אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן חִיזוּק וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין מַצְלִיחַ זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אַבִּיסְל פְּרִיעֶר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**טַאקֶע אַזוֹי, גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדְן טָאג אוּן עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט; בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דַאוֶונֶען, לֶערְנֶען אוּן אִים דִינֶען, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.**

**גְלֵייבּ מִיר, דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֵיינְט אִינֶעם בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט - דָאס אִיז אִין קוּרְצְן וָואס מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעוָואלְט אוּן גֶעטוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז מִיר זָאלְן גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אִים, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז; מִיר זָאלְן ווִיסְן אוּן לָאזְן ווִיסְן פַאר אַנְדֶערֶע אַז קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז נָאר פַאר מַיין טוֹבָה, פַאר מַיין תִּיקוּן אוּן פַאר מַיין עָתִיד; וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט דֶעם, מֶען ווֵייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען אִין גַן עֵדֶן, דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱלֹקִית.**

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֵיין דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען; אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דָאס**

מַאכְט אִיךְ זָאל אַרײנְשְׁלָאפְן בִּיז אִין טָאג אַרײן, נָאכְדֶעם וֶוער אִיךְ נָאכְמֶער צֶעבְּרָאכְן און אִיךְ גֵיי צוּרִיק שְׁלָאפְן, בִּיז אִיךְ דַאוֶוען נִישְׁט אוּן לֶערְן נִישְׁט. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִינְדֶערְפְרִי אוֹיפְצוּשְׁטֵיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען דַיין יְשׁוּעָה.

אַז דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף שְׁפֶּעט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין ווילְן, זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם טָאג; הֵייבּ אָן פוּן דֶעמָאלְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ שִׂמְחָה און גֶעשְׁמַאק, נִישְׁט גֵיין צוּרִיק שְׁלָאפְן און טְרַאכְטְן 'הַיינְט אִיז שׁוֹין אַ גֶע'הַרְגֶ'עטֶע טָאג, הַיינְט אִיז שׁוֹין נִישְׁט קֵיין טָאג וְכוּ'', נָאר הֵייבּ אָן פוּן דֶעמָאלְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּאִילוּ גָארְנִישְׁט וָואלְט גֶעשֶׁען; גֵיי אִין מִקְוֶה, לוֹיף אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען און זֵיי זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

פוּן אֵיין זַייט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין ווילְן אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פְּרִי, זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אָבֶּער אִין דִי צְוֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ זַיין פֶּעלְזְן פֶעסְט, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף שְׁפֶּעט; זָאלְסְט הָאבְּן עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה נִישְׁט זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען און טְרַאכְטְן 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין וְכוּ'', זָאלְסְט הָאבְּן עַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה און זָאגְן 'פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף פַּארְפִירְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי שִׁיעוּרִים זֶענֶען מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' און זֶענֶען מִיר מְקָרֵב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם צְוֵויטְן מָאל, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיךְ זָאל דָאס קֶענֶען אָנְהַאלְטְן.

מַיין דְרֵיי יֶערִיגֶע טָאכְטֶער פִירְט זִיךְ אַז יֶעדֶעס מָאל זִי דַארְף עֶפֶּעס, זִי וִויל מֶען זָאל אִיר עֶפֶּעס גֶעבְּן, הוֹיבְּט זִי אָן וֵויינֶען אוּן פַארְפִירְן אוֹיף אַ גֶעפֶערְלִיכְן פַארְנֶעם, זִי לֵייגְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וֵויינְט בִּיז מֶען דַארְף זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן פַאר אִיר. זִי טוּט דָאס אַסַאךְ מָאל אַ טָאג אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֵצָה אִיר אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן אוֹיף אַ נָארְמַאלֶע וֶועג אוּן נִישְׁט וֵויינֶען בִּיז זִי בַּאקוּמְט עֶס.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַזוֹי זֶענֶען קִינְדֶער, דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר; וֶוען זֵיי דַארְפְן עֶפֶּעס וֵויינֶען זֵיי, זֵיי וַוארְפְן זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, זֵיי וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן בִּיז דִי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן זֵיי וָואס זֵיי בֶּעטְן; הַלְוַואי זָאלְן מִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ עַקְשְׁנ׳עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט, מִיר גֶעפוּנֶען צֶען לְשׁוֹנוֹת אוֹיף תְּפִלָּה** (עַיֵּין דְּבָרִים רַבָּה ב, א)**, אֵיינֶע פוּן דִי לְשׁוֹנוֹת פוּן תְּפִלָּה אִיז ׳פְּגִיעָה׳; זָאגְט מוֹהֲרַא״שׁ, דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז מִיר זָאלְן גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִים בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, פֶּגְעֶ׳ן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד מוּטְשֶׁעט אוּן מוּטְשֶׁעט בִּיז מֶען גֶעבְּט אִים וָואס עֶר בֶּעט. מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז אַזוֹי גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט דִי הֶענְט אוּן פִיס, אֲפִילוּ פַאר אַפָּאר מִינוּט, אִין אַ פַארְמַאכְטֶע צִימֶער, וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וַוארְפְט זִיךְ אַרָאפּ אוּן וֵויינְט.**

מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט דָאס טוּן טָאג אוּן נַאכְט, לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתקעה), מֶען אִיז דָאס עֶרְשְׁט גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן סוֹף יָמָיו וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם אִין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁלָאסְן דֶעם טִיר אָבֶּער דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעהַאט אַ שְׁלִיסְל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶען וָואס דֶער רֶבִּי טוּט יֶעצְט אִין צִימֶער, וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן וֵויינְט. דָאס אִיז גֶעוֶוען סוֹף יָמָיו, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ, קוֹים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקֶענְט גֵיין, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוַואךְ, מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט טְרָאגְן מִיט אַ בֶּענְקְל; דָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֶוען קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזֶען אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טוּעֶן דָאס.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן וֶוען דַיינֶע קִינְדֶער וֵויינֶען וְכוּ׳, וֶוער נִישְׁט אוֹיסֶער זִיךְ; זֵיי וֶועלְן דָאס אוֹיסְוַואקְסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ שְׁנַיידְן דִי בָּארְד?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִילוּ פִּינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם, אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ בַּאשְׁרַייבְּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אוּן טוּט נָאכְאַלְץ. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ. אִיךְ קֶען שְׁרַייבְּן אוּן שְׁרַייבְּן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְטִיג וֶוערְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זִיצְט זִיךְ אַזוֹי רוּאִיג אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן גֶעבְּט דָארְט דִי שִׁיעוּרִים, אָבֶּער דֶערְוַוייל דְרֵייךְט זִיךְ אִיבֶּער אַ וֶועלְט אַ דַאנְק דִי הֵיילִיגֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס דִי שִׁיעוּרִים טוּעֶן מִיט מִיר. עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא מֶשָׂג בַּיי מִיר וִוי אַ

טָאג אָן אַ שִׁיעוּר. מַיינֶע רְצוֹנוֹת, מַיינֶע הַשְׁקָפוֹת, מַיינֶע עֲשִׂיּוֹת און אַלֶעס אִין מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן גֶעטוּישְׁט. מַיין חִיּוּת קוּמְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר פוּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה און נָאךְ אַ דַף גְּמָרָא און נָאךְ אַבִּיסְל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס בִּיז אַהֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאצָאלְן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם און גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַפָּאר וֶוערְטֶער חִיזוּק אוֹיף וַוייטֶער וּבִפְרַט אוֹיפְ'ן עִנְיָן פוּן נִישְׁט שְׁנַיידְן דִי בָּארְד. אַפָּאר חֳדָשִׁים צוּרִיק, נָאכְ'ן הֶערְן אַזוֹי סַאךְ שִׁיעוּרִים, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען מֶער נִישְׁט צוּ שְׁנַיידְן מַיין בָּארְד און בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ שְׁנַייד נִישְׁט, אָבֶּער לֶעצְטְנְס הָאט עֶס אָנְגֶעפַאנְגֶען וֶוערְן גְרֶעסֶער, עֶס צֶעוַואקְסְט זִיךְ פוּן אַלֶע זַייטְן; אִיךְ פִּיל אַסַאךְ מָאל ווִי אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דֶערְלַיידְן, און אִיךְ ווִיל נָאר גֶעבְּן אַ קְלֵיינֶע שְׁנַייד דָא און אַ קְלֵיינֶע שְׁנַייד דָארְט. קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה בַּאלַייכְטְן מַיינֶע אוֹיגְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם אַ לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת און קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (הִלְכוֹת גִילּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד און פֵּיאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד און פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", און מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לִכְפֹּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", און וֶוער עֶס ווִיל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד און פֵּיאוֹת; קוּק אַרַיין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת, דִי פָּאר וֶוערְטֶער דַארְף זַיין גֶענוּג און נָאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּצוּרִירְן דִי בָּארְד און פֵּיאוֹת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס שְׁנַיידְט נִישְׁט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, עֶר גְרוֹיסְט זִיךְ מִיט זַיין צֶלֶם אֱלֹקִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס דַארְף אַ נִפְטָר זָארְגְן אַז עֶר לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ הֶעלְפְן, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְטְרִיאַל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

אַ מְחַיֶ׳ צוּ הֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין נַ״ךְ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה - מִשְׁנָה בְּרוּרָה אוּן תְּהִלִּים; וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דִי צַייט. אַנְשְׁטָאט זִיצְן בַּיי לִמּוּדֵי חוֹל - לֶערְנְסְטוּ סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, דוּ בַּטֵל׳סְט נִישְׁט קַיין צַייט.

אִיךְ הָאף אַז דוּ הֶעלְפְסְט אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ; הֶעלְפְן דִי מַאמֶע אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פְרִיעֶר פוּן אַלֶע קִינְדֶער, דוּ גֵייסְט נִישְׁט צוּ לִמּוּדֵי חוֹל - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן דַיין מַאמֶע וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, אוּן אוֹיבּ זִי זָאגְט דִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ הֶעלְפְן - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין הִתְבּוֹדְדוּת; מַאךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר מִינוּט. גֵיי אַרַיין אִין דַיין צִימֶער, פַארְמַאךְ דִי טִיר אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפָּאר מִינוּט, בֶּעט אִים וָואס דוּ דַארְפְסְט; דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אִים בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זַיין אַ צַדִּיק.

שִׁיק אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

...

## קוּם הֶערְן נָאכְאַמָאל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר לִיבּ אוּן הֶערְט דִיךְ אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ שִׁיעוּר, הַלְוַאי וֶועסְטוּ קוּמֶען; עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג זִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן, עֶס אִיז וִויכְטִיגֶער פוּן אַלְצְדִינְג.

וֶוער דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזוּק? וֶוער דַארְף נִישְׁט הֶערְן נָאכְאַמָאל דִי פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער וִוי: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר לִיבּ", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ אִים"?

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּם; בְּלַייבּ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, אוּן זִיכֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין מִיט חֲבֵרִים פַארְבְּרֶענְגֶען נֶעכְט מִיט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט זַיין אַ מְלַוֶה מַלְכָּה - מְסִבַּת הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הֶעלְפְן חוֹדֶשְׁ'לִיךְ דֶעקְן דִי רֶענְט פוּנֶעם בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה וְהַתַּלְמוּד תּוֹרָה וְהַבַּיִת פֵּיגָא וְהַדְפָּסָה וְהַכּוֹלֵל וְכוּ'; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען אַנְטֵייל נֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אַז מֶען וֶועט אַייךְ אָפְּזָאגְן פוּן דִי אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְט אִיר וִויסְן אַז אִיךְ קוּם טַאקֶע נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן יֶעדֶע בְּרִיוו, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן אוֹיפְצוּהֵייבְן דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען מֶען רוּפְט - אָבֶער

אִיךְ לֵיין כִּמְעַט יֶעדֶע בְּרִיוו און אִיךְ לֵיין און אִיךְ הֶער אַלֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס; זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן שְׁרַייבְּן און פוּן אִיבֶּערְלָאזְן הוֹדָעוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר הָאט מוֹרָא יֶעדֶעס מָאל אַייעֶר בַּעַל הַבַּיִת רוּפְּט אַייךְ, אֶפְשָׁר גֵייט עֶר אַייךְ אָפְּזָאגְן וְכוּ'; וָואס גֵייט אַייךְ אָן? וֶועט מֶען אַייךְ אָפְּזָאגְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן, אַרְבֶּעט אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן זַאךְ, עֶס אִיז 'יָא יָא, נֵיין נֵיין'; כָּל זְמַן אִיר אַרְבֶּעט, אִיר הָאט וָואס צוּ טוּן - אִיז גוּט און אַז מֶען וֶועט אַייךְ אָפְּזָאגְן - אִיז אוֹיךְ גוּט.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גֶעזוּנְט, אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט הָאט מֶען אַלֶעס און אַז מֶען אִיז חָלִילָה נִישְׁט גֶעזוּנְט - הָאט מֶען גָארְנִישְׁט. וָואס הָאט מֶען אַז מֶען אִיז דַאר וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט? וָואס הָאט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען אִיז שֵׁיין - אַז מֶען אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט? קוּמְט אוֹיס אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, אַז מֶען אִיז גֶעזוּנְט און מֶען הָאט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, מֶער פוּן דֶעם דַארְף מֶען נִישְׁט.

וָואס וֶוערְט אִיר צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען בַּאטִיטְלְט אַייךְ נִישְׁט מִיטְ'ן טִיטְל 'בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה'; אִיךְ בִּין אוֹיךְ נִישְׁט קַיין תַּלְמִיד פוּן יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד, אַלְס בָּחוּר - אִין בְּרֶסְלֶב. אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן 'אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אַזוֹי און אַזוֹי' טְרַאכְטְס עֶנְדֶערְשׁ 'ווִי גְלִיקְלִיךְ בִּין אִיךְ אַז יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי'ן', אִיךְ וָואלְט זִיךְ אוֹיךְ גֶעקֶענְט אוֹיפְּעֶסְן טְרַאכְטְנְדִיג 'אַ שָׁאד מַיינֶע יָארְן אַלְס קִינְד, אַלְס בָּחוּר - וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּיסְט פוּן רֶבִּי'ן', אַנְשְׁטָאט דֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז יֶעצְט וֵוייס אִיךְ פוּן רֶבִּי'ן.

אַזוֹי זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן, טְרַאכְטְס 'פוּן יֶעצְט גֵיי אִיךְ אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין און לֶעבְּן מִיט דֶעם'; וַוייל מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה, מִיט יֶעדֶע עֵצָה - קֶען מֶען אָפְּלֶעבְּן דָאס לֶעבְּן זִיס און הָאנִיגְ'דִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט וֶוען יֶענֶער לַאכְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, מְבָרְכִים אֲדָר, כ״ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַייךְ אוּן מֶען לַאכְט פוּן אַייךְ; אֱמֶת, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אַיינְגֶענֶעם וֶוען אַ שְׁוֶועסְטֶער שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער, מֶען וֶוערְט אוּמְזִיכֶער מִיט זִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ חוֹזֶק, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט נוֹגֵעַ צוּם לֶעבְּן.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן לַאכְט נִישְׁט פוּן אַייךְ, אַייעֶר מַאן אִיז אַזוֹי גֶעטְרֵיי צוּ אַייךְ - דָאס אִיז אַייעֶר לֶעבְּן, אִיר אוּן אַייעֶר מַאן זָאלְן נִישְׁט לַאכְן אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן. אַ שְׁוֶועסְטֶער אִיז טַאקֶע נָאנְט, אַ שְׁוֶועסְטֶער אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, אָבֶער מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף שְׁוֶועסְטֶערְס אוּן שְׁוָואגֶערְס, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְּן פַאר זֵיי, לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייעֶר וֵוייטָאג, אִיךְ בִּין דָאס אַלְץ אַרִיבֶּער; מֶען הָאט גֶעלַאכְט, גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעבְּלִינְקְט מִיט דִי אוֹיגְן אוּנְטֶער מַיין רוּקְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט עֶר מִיר אַלְץ פְרֶעגְן: ״וָואס זָאגְט דַיין וַוייבּ?״ אָן אַ שִׁיעוּר מָאל פְלֶעגְט מִיר דָאס מוֹהֲרָא״שׁ פְרֶעגְן, בִּיז מַיין מֹחַ הָאט זִיךְ אַ דְרֵיי גֶעטוּן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע שִׁינֶעס אוּן עֶס הָאט מִיר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בַּאדֶערְן.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין לֶעבְּן, פַאר מַיין מַאן אוּן פַאר מַיין קִינְד; דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט נָאךְ פוּן אַלְס קִינְד, עֶס שְׁטֶערְט מִיר אִין מַיין לֶעבְּן; אִיךְ טְרַאכְט אַלְץ וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן, וָואס מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן - אוֹיבּ מֶען לַאכְט פוּן מִיר. הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי מִיר, עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס דֶער זָאגְט,

וָואס יֶענֶער זָאגְט; אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מַיין לֶעבְּן, עֶס זָאל מִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן".

דִי תְּפִלָּה זָאלְט אִיר זָאגְן אוּן לֵייגְט צוּ אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת; בִּפְרַט וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי הֵיילִיגֶע שַׁבָּת לֶעכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

...

## קִינְדֶער וֶוערְן צֶעשְׁנִיטְן טָאג טֶעגְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, מְבָרְכִים אֲדָר, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס צִיטֶערְט צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע שֶׁענְדְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעטוּן מִיט אַייעֶר קִינְד ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער וֶוען עֶר הָאט זִיךְ בְּטָעוּת נַאס גֶעמַאכְט, עֶר הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט אַלֶע קִינְדֶער: "שֶׁעם שֶׁעם בֶּעבִּי" אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז, וֶוען מֶען וִויל רֶעדְן פוּן דֶעם וָואס מְלַמְּדִים טוּעֶן מִיט קִינְדֶער זָאגְט מֶען מִיט שְׁפָּאט: "הַיינְט טוּט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי", "הַיינְט אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא דִי מַעֲשִׂיוֹת"; מֶען וִויל נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג וֶוערְן קִינְדֶער צֶעשְׁנִיטְן טָאג טֶעגְלִיךְ פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס וָואלְטְן גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מִיסְט. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן: "דִי מְלַמְּדִים וָואס נוּצְן זֵייעֶרֶע הֶענְט, דִי מְלַמְּדִים וָואס פַארְשֶׁעמֶען - דִי דַארְפְן אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי מִיסְט, זֵיי טָארְן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער".

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן פוּן דֶעם קִינְד אַסַאךְ נַחַת. שְׁטֵייט אִין דֶער זַייט, לָאזְט אִים וַואקְסְן זַיין וֶועג. גֶעבְּט אִים וַוייטֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיפְהֵייבְּן מִיט גוּטֶע

וֶוערְטֶער; אַז עֶר וַוארְפְט עֶס צוּרִיק, עֶר ווִיל דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען - מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר נֶעמְט עֶס טַאקֶע נִישְׁט אָן. דָאס אִיז אַ וֶועג בַּיי קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן נִישְׁט מֶען זָאל זֶען ווִי עֶס שְׁמֶעקְט זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער אַלֶע דַארְפְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַלֶע בּוֹיעֶן זִיךְ מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער.

קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי ווִי בֵּיימֶעלֶעךְ, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן מִיט זֵיי; עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, דֶער עִיקָר שְׁוֶוערִיקַייט אִיז אַז מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי פֵּירוֹת; מֶען פְלַאנְצְט, מֶען אַקֶערְט אוּן מֶען זַייט, אָבֶּער מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ דִי פֵּירוֹת, דָאס אִיז אָבֶּער זִיכֶער, אַז דִי אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף דִיךְ הָאבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען דַארְף דָארְט אַסַאךְ מְפִיצִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, מְבָרְכִים אֲדָר, כ"ה שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע? קֶענְסְט דָאךְ אַסַאךְ מֶער אוֹיפְטוּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווִי דָא. דוּ קֶענְסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אַ שָׁאד צוּ קוּמֶען; מֶען דַארְף דִיךְ הָאבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען דַארְף אַסַאךְ מְפִיצִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

גְלַייךְ נָאכְן לֵיינֶען דַיין שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ גֶעפוּנֶען אַ בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרַא"שׁ, מַמָּשׁ פַאר דִיר (אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק לב, מִכְתָּב ה' אֲלָפִים, קכז): "נָא וְנָא לֹא לִדְחֹק אֶת עַצְמְךָ לָבוֹא לְכָאן", אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען דָא, "כִּי תַּאֲמִין לִי, שֶׁאוֹתְךָ צְרִיכִים בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מְאֹד מְאֹד", גְלֵייבּ מִיר, מֶען דַארְף דִיר הָאבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, "וּבִפְרָטִיּוּת, כִּי יֵשׁ בְּכֹחֲךָ לְהָפִיץ סִפְרֵי רַבֵּינוּ", סְפֶּעצִיעֶל דִיר, וָואס דוּ קֶענְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ

נִישְׁט קוּמֶען קַיין אַמֶעריקֶע, נִישְׁטָא דָא גָארְנִישְׁט, עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן פַּארְשְׁפְּרֵייט דָארְט דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט דָארְט אִינֶעם בְּרִיווּ, "עָלֶיךָ לָדַעַת", וִויסְן זָאלְסְטוּ, "כִּי מַה שֶּׁיְּכוֹלִים לִפְעֹל בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּיוֹם אֶחָד", וָואס מֶען קֶען טוּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין אֵיין טָאג, "אִי אֶפְשָׁר לִפְעֹל כָּאן בְּחוּץ לָאָרֶץ בְּשָׁנָה אַחַת, בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא", קֶען מֶען נִישְׁט טוּן אִין חוּץ לָאָרֶץ אַ גַאנְצֶע יָאר, אָן קַיין גוּזְמָא, "כִּי בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הַמֹּחוֹת יוֹתֵר פְּתוּחִים לְהַשָּׂגַת רוּחָנִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ", אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מֶער אָנְגֶעגְרֵייט צוּ קֶענֶען שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּבִשְׁבִיל זֶה הַסִּטְרָא אַחֲרָא מִתְפַּשֶּׁטֶת שָׁם כָּל כָּךְ הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד רַחֲמָנָא לִצְלָן", דֶערִיבֶּער קוּמְט דָארְט דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן פַּארְשְׁפְּרֵייט זִיךְ דָארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, "וּבִפְרָטִיּוּת אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַסְּפָרַדִּים אֲשֶׁר כֻּלָּם הֵם אֲנָשִׁים תְּמִימִים וְאֶצְלָם הַמָּסֹרֶת חֲזָקָה מְאֹד מְאֹד", סְפֶּעצִיעֶל בַּיי דִי טַייעֶרֶע סְפַרְדִ'ישֶׁע אִידְן וָואס זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע מְסוֹרָה פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, "וּבָאוּ זֵדִים וְטִמְּאוּ אוֹתָם וְהֶעֱבִירוּ אוֹתָם עַל דָּתָם רַחֲמָנָא לִצְלָן", דִי רְשָׁעִים דִי עֶרֶב רַב הָאבְּן זֵיי נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶערִיסְן, מֶען הָאט זֵיי מְטַמֵּא גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן, "וְעַל כֵּן עָלֵינוּ עַכְשָׁיו לִמְסֹר אֶת נַפְשֵׁנוּ וּלְהָפִיץ בֵּינֵיהֶם סִפְרֵי רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְהַחֲזִיר אֶת כְּלָלִיּוּת נִשְׁמוֹת עַם יִשְׂרָאֵל בִּתְשׁוּבָה", דַארְפְן מִיר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דָאס הָאט אַ כֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי תּוֹרָה.

בְּלַייבּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; מֶען קֶען זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין זַיין אַ תַּלְמִיד אִין יְשִׁיבָה אוּן מֶען קֶען זַיין אִין יְשִׁיבָה אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט דִי יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דְרֵיי זַאכְן צוּ קוּקְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, מְבָרְכִים אֲדָר, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר זַיין דִי רִיכְטִיגֶע שְׁלִיחַ צוּ הֶעלְפְן דִי מֵיידְל ... תִּחְיֶ׳, אִיר צוּ מְחַזֵק זַיין.

אִיךְ זוּךְ נִישְׁט אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אוֹיף אַייךְ אַרְבֶּעט, אִיר הָאט גֶענוּג אַרְבֶּעט מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אָבֶּער זִי אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זִי עַקְשְׁנְ׳ט זִיךְ וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ וְכוּ׳; אֶפְשָׁר זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט אִיר זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ׳עֶן, זִי זָאל קוּקְן אוֹיף דֶער עִיקָר אִין לֶעבְן - אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

זָאגְט אִיר אַז אִיךְ הָאבּ יֶעצְט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן דִי כַּלָה ... וואוּ זִי שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר חָתָן הָאט אִיר מְגַלֶה גֶעוֶועְן דֶעם סוֹד אַז עֶר הָאט אוֹיךְ חַיוּת פוּן רֶבִּי׳ן; זִי אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז זִי מִיט אִיר חָתָן - בֵּיידֶע לֶעבְן פוּן רֶבִּי׳ן, זֵייעֶר חַיוּת אִיז דֶער רֶבִּי. זִי הָאט אַלֶע יָארְן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר חָתָן זָאל זַיין מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן.

זַייט אִיר מְחַזֵק זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן; סַיי וִוי סֵיי הָאט אַ שִׁידוּךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען רֶעדְט אִיר אַ שִׁידוּךְ זָאל זִי קוּקְן אוֹיף דְרֵיי זַאכְן: דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - אַ גֶעזוּנְטֶער, צְוֵוייטֶע זַאךְ - גוּטֶע מִידוֹת אוּן דְרִיטְנְס - יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם נִישְׁט אָן דִי אַרְבֶּעט וָואס מֶען דַארְף דָארְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ הָאסְט אַ קְלוּגֶע וַוייבּ, זִי וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז, זִי וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט וָואס אַ טֶעלֶעפָאן אִיז אוּן וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן; זִי הָאט שׁוֹין מִן הַסְתָּם גֶעזֶען שְׁטוּבֶּער וִוי אַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס מִיט אַ טֶעלֶעפָאן.

אַז זִי זָאגְט דִיר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט נֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט וַוייל מֶען דַארְף דָארְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן - זָאלְסְטוּ אִיר פָאלְגְן.

קֶענְסְט נָאכְאַמָאל פְּרֶעגְן אוֹיבּ מֶען דַארְף דָאס הָאבְּן, אָדֶער אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ אַרְבֶּעטְן אָן אַ טֶעלֶעפָאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי מֶער מֶען אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע, אַלְץ מֶער כֹּחַ בַּאקוּמְט מֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן צַאמְנֶעמֶען נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - זֵיי מְחַזֵּק זַיין; נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תַּעֲנוּג בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ זֶען וִוי מֶען טוּט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: ״אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ

אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן לֶעבְּט דָא אָפּ אַ זִיבֶּעצִיג אַכְצִיג יָאר - נָאר כְּדֵי אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד"; דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן "עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן זִיבֶּעצִיג יָאר אַ טוֹבָה צוּ טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן", וֶוען מֶען שַׁיינְט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן אַבִּיסְל שֵׂכֶל, אַבִּיסְל דַעַת; יֶענֶער זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מִיט דֶעם טוּט מֶען יֶענֶעם אַ טוֹבָה בָּזֶה וּבַבָּא.

שְׁטֶעלְט נִישְׁט אָפּ אַייעֶר אַרְבֶּעט פַאר קֵיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוֹיף אַלֶעס; אִיר וֶועט הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער, כֹּחַ פַאר אַייעֶר מַאן אוּן פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן. עֶס אִיז פַּארְקֶערְט וִוי מֶען טְרַאכְט, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה - פַארְלִירְט מֶען כֹּחַ, עֶס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מִשְׁפָּחָה, אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', מֶען הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן טוּן מִיט אַנְדֶערֶע ווייל עֶס מוּטְשֶׁעט אָפּ. עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; וִוי מֶער מֶען אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אַלְץ מֶער כֹּחַ בַּאקוּמְט מֶען, וִוי מֶער מֶען שַׁיינְט אַרַיין דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִין אַנְדֶערֶע - אַלְץ מֶער הָאט מֶען כֹּחַ פַאר דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְּן.

נֶעמְט וַוייטֶער צוּזַאם פְרוֹיעֶן אוּן זַייט זֵיי מְחַזֵק, אִיר קֶענְט זֵיי גֶעבְּן צוּ הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּן חִיזוּק, שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה, שִׁיעוּרִים פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, טַאנְצְט מִיט זֵיי אוּן שְׁפִּילְט מִיט זֵיי; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, וַוייל פְרוֹיעֶן דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּב.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וָואס מֶען טוּט מִיט קִינְדֶער וָואס שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט מִשְׁפָּחָה - אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ; דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵךְ זַיין זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז אִינְגְלֶעךְ שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט מֵיידְלֶעךְ, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג דַארְף מֶען שׁוֹין אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם.

מֶען דַארְף עֶס אָבֶּער טוּן מִיט חָכְמָה, נִישְׁט מִיט גֶעוַואלְד; זָאגְט זֵיי דִי וֶוערְטֶער: "גְרוֹיסֶע קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט אִינְגְלֶעךְ מִיט מֵיידְלֶעךְ, גְרוֹיסֶע קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ אִינְגְלֶעךְ מִיט אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ מִיט מֵיידְלֶעךְ"; מֶען זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז עֶס גֵייט אַרַיין אִין זֵיי. דִי קִינְדֶער וֶועלְן

נִישְׁט גְלַייךְ אָפְּלָאזְן דֶער גֶעוואוינְהֵייט, בִּפְרַט וֶוען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין בַּאפְּרַיינְדֶעט, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט מִיד וֶוערְן, נָאר נָאכְאַמָאל זָאגְן: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַזוֹי גְרוֹיס, דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין בֶּעבִּי; גְרוֹיסֶע קִינְדֶער שְׁפִּילְן נִישְׁט אַזוֹי וְכוּ׳ וְכוּ׳".

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע וָואס צוּ טוּן מִיט דִי חַבֶרְטֶ׳עס וָואס שְׁפֶּעטְן וְכוּ׳; וָואס וָואלְט אִיר גֶעטוּן מִיט אַ חַבֶרְ׳טֶע וָואס וִויל אַייךְ אַוֶועק נֶעמֶען אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט אִיר? וָואס וָואלְט אִיר גֶעטוּן וֶוען אַייעֶר חַבֶרְ׳טֶע וִויל אַייךְ צוּנֶעמֶען אַייעֶר מַאן, וָואלְט אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען זִי רוּפְט אַייךְ פְּרֶעגְן אַייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת?! אַ נָארְמַאלֶע פְּרוֹי וָואלְט נִישְׁט גֶעהַאט צוּ טוּן מִיט שְׁכֵנִים אוּן חַבֶרְ׳טֶעס וָואס וִוילְן אַוֶועקְנֶעמֶען אִיר מַאן אוּן קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳; אַזוֹי דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף דִי וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן רֶבִּי׳ן, אוֹיף דִי וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; וָואס גֶעבְּט אוּנְז דֶער רֶבִּי? וָואס גֶעבְּט אוּנְז דֶער צַדִיק? עֶר גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן. מִיט זַיין כֹּחַ, מִיט זַיין שֵׂכֶל - קֶען אִיךְ הָאבְּן קִינְדֶער, מִיט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן, מִיט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען מֶען לֶעבְּן מַאן אוּן וַוייבּ. אָן דֶעם צַדִיק בִּין אִיךְ אַ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶער, אָן דֶעם צַדִיק בִּין אִיךְ נִישְׁטָא; אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעהִיטְן פוּן אֵיינֶעם וָואס וִויל מִיר אַוֶועקְנֶעמֶען מַיין שְׁטוּבּ, אַזוֹי דַארְף אִיךְ זִיךְ הִיטְן פוּן לֵצִים, נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע אוֹיבּ מֶען דַארְף אִין דִי טֶעג וְכוּ׳; אִיר זֶענְט נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס זָאגְט אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער וְכוּ׳, אַנְדֶערֶע זָאגְן אוֹיךְ עֶס אִיז שְׁוֶוער וְכוּ׳, אָבֶּער זַייט מִיר מוֹחֵל אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיז שְׁוֶוער; אִין דִי טֶעג דַארְף מֶען גֵיין אַזוֹי וְכוּ׳.

בְּנוֹגֵעַ פָארְן קַיין יַבְנְאֵל וְכוּ׳; אַוַדַאי זָאלְט אִיר גֵיין אִין מ. מַלְכָּה, אִיר וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט גֵיין אִין מ. מַלְכָּה וֶועט זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## כַּעַס אִין שְׁטוּבּ מַאכְט אַלֶעס חָרוּב

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס ווילְסְטוּ - קִינְדֶער שׁוֹטִים? קִינְדֶער טִפְּשִׁים?! דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף שׁוֹטִים וֶוען דֶער טַאטֶע רֶעגְט זִיךְ; כַּעַס אִין שְׁטוּבּ מַאכְט חָרוּב דִי קִינְדֶער, אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה אוּן עֶס מַאכְט חָרוּב דָאס לֶעבְּן; הֶער אוֹיף זִיךְ צוּ בֵּייזֶערְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, הֵייבּ אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה. קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג אִין דַיין לֶעבְּן, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוארְף נִישְׁט דִי שׁוּלְד אוֹיף דֶעם, אוֹיף יֶענֶעם אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ, וָואס אִיז זִי שׁוּלְדִיג אִין דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיסְגֶעבְּן דַיינֶע נֶערְוְון אוֹיף אִיר?! פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיסְגֶעבְּן דַיין כַּעַס אוֹיף אִיר?!

דִי וָואךְ מִיטְוָואךְ וֶועט זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַ פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם; יֶעדֶע פִיר וָואכְן קוּמֶען זִיךְ צַאם דִי פְּרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זֶען אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען, מַאךְ שׁוֹין דַיינֶע פְּלֶענֶער צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין.

דִי אִינְגֶעלַייט הָאבְּן שִׁיעוּרִים יֶעדֶע דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט; נָאכְדֶעם שַׁבָּת קוּמְט מֶען זִיךְ צַאם, מֶען הֶערְט אִינְדֶערְפְרִי סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדּוֹת הֶערְט מֶען וַוייטֶער חִיזוּק. אוֹיךְ אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֵייט מֶען אִין שׁוּל, מֶען טְרֶעפְט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הֶערְט אַ וָוארְט פוּן דֶעם אַ וָוארְט פוּן יֶענֶעם, מֶען הָאט כְּסֵדֶר חִיזוּק, ווידֶער דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי דַארְפְן נָאךְ מֶער דִי חִיזוּק.

אִיךְ הָאבּ דִיר אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף אַהֵיים לוֹיפְן הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּקְן שְׁמוּץ מַאכְט מֶען זָאל זַיין נֶערְוֶועז און אָנְגֶעצוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד צוּ עֶסְן פַּת שַׁחֲרִית גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶונֶען, עֶס אִיז מְסוּגָל מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן יז): ״סְגֻלָּה לְכַעַס, שֶׁיֹּאכַל פַּת שַׁחֲרִית״, פַּת שַׁחֲרִית אִיז מְסוּגָל מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ כַּעַס; עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען דָאס צוּ טוּן - וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי בֵּייזֶערְן.

הֶער אוֹיף קוּקְן עֲבֵירוֹת - וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי רֶעגְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קפד): ״בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף״, מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען וֶוער עֶס אִיז אַ נוֹאֵף דוּרְכְ׳ן קוּקְן אוֹיף זַיין נָאז, מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס, אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף; אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס - דָאס מַאכְט נֶערְוֶועז און אָנְגֶעצוֹיגְן.

אִיךְ הָאבּ דִיר אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף אַרַיין גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאזְט אַייעֶר מַאמֶע אַרוֹיסְגֶעבְּן אִירֶע וֵוייטָאגְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ו שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע וָואס צוּ טוּן מִיט אַייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ׳, זִי רֶעדְט זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיס צוּ אַייךְ אוּן אַסַאךְ מָאל הֵייבְּט זִי אָן וֵויינֶען פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִיר; זִי רֶעדְט אַסַאךְ קֶעגְן אַייעֶר טַאטֶע אוּן עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיר וֶוערְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וֶוען אִיר טְרַאכְט דֶערְפוּן, אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ אִיר זָאלְט וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אִיר.

אִיר זֶענְט נִישְׁט דִי עֶרְשְׁטֶע מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוּן נִישְׁט דִי לֶעצְטֶע, יֶעדֶע צְוֵוייטֶע מֶענְטְשׁ הָאט דִי פְּרַאגֶע. וַוייל וֶוען מֶען פַארְעֶלְטֶערְט זִיךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ פַּרְשָׁה, וֶוען מֶען מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס דֶעם אֱמֶת פוּן לֶעבְן; אוֹיבּ הָאט מֶען גֶעלֶעבְּט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן שֵׁיין אוּן זִיס וֶוערְט דֶעמָאלְט נָאךְ שֶׁענֶער אוּן נָאךְ זִיסֶער. אוֹיבּ אָבֶּער אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעהַאט אֱמֶתְ׳עֶ שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען הָאט גֶעלֶעבְּט פַּאר אַנְדֶערֶע, מֶען אִיז גֶעקוּמֶען, גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעפָארְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען פַארְעֶלְטֶערְט זִיךְ, וֶוען עֶס גֵייט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט, עֶס קוּמְט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּן עֶס פָארְט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט - דֶעמָאלְט הֵייבְּן זִיךְ דָאס פָּארְפָאלְק אָן צוּ קְרִיגְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַוַודַאי זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט אִיר, עֶרְשְׁט יֶעצְט וֶוען זִי גֵייט אַזוֹיפִיל אַרִיבֶּער, זָאלְט אִיר אוֹיפְהֵייבְן דֶעם טֶעלֶעפָאן וֶוען זִי רוּפְט אוּן אִיר מְחַזֵּק זַיין.

דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז הֶעלְפְן אַ מַאמֶע; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): ״אֵלּוּ דְּבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא: כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ׳״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שְׂכַר פַאר דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; עֶס וֶועט

אַייךְ צוּרִיקְקוּמֶען בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער. אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן רֶעדְן מִיט אַייךְ, זֵיי וֶועלְן אַייךְ מְחַזֵּק זַיין; וַוייל וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער זִיךְ פִירְן מִיט אִים.

לָאזְט אִיר רֶעדְן, לָאזְט אִיר אַרוֹיסְגֶעבְּן אִירֶע וֵוייטָאגְן אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר אִיבֶּערְנֶעמֶען דָאס וָוארְט, אִיר זָאלְט אָנְהֵייבְּן דֶערְצֵיילְן פוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ, דֶערְצֵיילְט אִיר זִיסֶע זַאכְן פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער; דָאס וֶועט אִיר מְחַיֶ' זַיין. דֶערְצֵיילְט אִיר פוּן אַייעֶר לֶעבְּן, וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיר זֶענְט, וִוי שֵׁיין אִיר לֶעבְּט; דָאס וֶועט אִיר גֶעבְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

פוּן צַייט צוּ צַייט זָאלְט אִיר זִי גֵיין בַּאזוּכְן אוּן אִיר זָאלְט אִיר רוּפְן צוּ אַייךְ אִין שְׁטוּב; וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁט.

...

## לַיין אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו מִיט אַ שֵׁיינֶעם טָאן, וֶועסְטוּ זֶען גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז דָאס זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו; אִיךְ הֶער אַז זִי הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען כְּאִילוּ אִיךְ ווִיל עֶנְק אַוֶועקְשְׁטוּפְּן וְכוּ' וְכוּ'.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם נָאכְאַמָאל דֶעם בְּרִיוו אוּן לַיין עֶס צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ מִיט אַ שֵׁיינֶעם טָאן, וֶועסְטוּ זֶען גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דוּ וֶועסְט זֶען נָאר רַחְמָנוּת.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף דִי בְּרִיוו, עֶס אִיז שַׁארְפֶע בְּרִיוו וְכוּ' וְכוּ'; אִין אֱמֶת'ן אִיז דָאס נָאר רַחְמָנוּת, נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּן אַייךְ, מֶען דַארְף דָאס לֵיינֶען מִיט רַחְמָנוּת אוּן גֶעבֶּעט.

דִי וֶועלְט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם רָב זִיךְ אָפְּרֶעדְנְדִיג מִיט כַּעַס: "קוּקְט אַ בְּרִיוו וָואס מַיין זוּן שְׁרַייבְּט מִיר פוּן יְשִׁיבָה; אַ חָצוּף מְחוּצָף, דֶער רָב זָאל קוּקְן וָואס עֶר שְׁרַייבְּט", דֶער אִיד לֵיינְט פָּאר דֶעם בְּרִיוו מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת: "עֶר שְׁרַייבְּט מִיר מִיט חוּצְפָּה 'טַאטֶע שִׁיק מִיר הוֹיזְן...!' אִיךְ בִּין דַיין מְשָׁרֵת? אִיךְ בִּין דַיין קְנֶעכְט? - טַאטֶע שִׁיק מִיר הוֹיזְן?! אַזוֹי שְׁרַייבְּט מֶען?!" דֶער אִיד הָאט גֶעשׁוֹימְט פַאר כַּעַס, "בָּנִים גִּדַּלְתִּי וְהֵם פָּשְׁעוּ בִי!"

דֶער רָב זָאגְט אִים: "בַּארוּאִיגְט אַייךְ, קוּק אַרַיין דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער וָואס דַיין זוּן בֶּעט זִיךְ מִיט אַזוֹיפִיל הַכְנָעָה, מִיט אַזוֹיפִיל דֶרֶךְ אֶרֶץ"; דֶער רָב שְׁמֵייכְלְט אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער זִיס אוּן וֵוייךְ: "'טַאטֶע שִׁיק מִיר הוֹיזְן', דַיין זוּן בֶּעט זִיךְ אַזוֹי הַכְנָעָה'דִיג, טַאטֶע הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין הוֹיזְן, בִּיטֶע שִׁיק מִיר הוֹיזְן"; הָאט דֶער אִיד גֶעזֶען אַז דֶער חִסָּרוֹן אִיז מִצִּדּוֹ.

בַּיי מִיר זֶענְט אִיר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט; אִיךְ הָאבּ אַייךְ לִיבּ אוּן אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ בְּרִיוו מִיט רַחְמָנוּת אוּן גֶעפִיל, אִיר דַארְפְט דָאס לֵיינֶען מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל - וֶועט אִיר נָאר וֶוערְן מְחוּזָק דֶערְפוּן.

...

## נָאר מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען בְּלַייבְּן בַּיים צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָּה מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע זְכִיָּה צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן. עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן, מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר פַיינְט דֶעם רֶבִּי'ן וּבִפְרָטִיּוּת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; וֶוען עֶר זֶעט אַ פְרִישֶׁער

מְקוּרָב קֶען עֶר דָאס נִישְׁט אַרָאפְּשְׁלִינגֶען, אִין אָנְהֵייבּ בְּרֶענְגְט עֶר מְנִיעוֹת פוּן אִינְדְרוֹיסְן, מֶען הֶערְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם און פוּן יֶענֶעם, נָאכְדֶעם הֵייבְּט זִיךְ אָן אֵייגֶענֶע חֲלִישׁוּת הַדַעַת, עֶר דְרֵיידְט אַרוּם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, גֵיי אַוֶועק פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי אַוֶועק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי ווֶערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיט מִיר גֶעטוּן; אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען ווֶער אִיךְ בִּין, אִיךְ זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן - נִישְׁט אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט"; נָאר מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען בְּלַייבְּן בַּיים צַדִיק.

דֶער וָואס הָאט מְקַרֵב גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, רֶבִּי לִיפָּא - אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְס צוּ אַ יְרִיד, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן און מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט עֶר גֶעוַוארְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט פָארְן צוּם יְרִיד פַארְדִינֶען גֶעלְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִינְמִיטְן דִי תּוֹרָה: "גֶעלְט אִיז אַזַא שְׁטַארְקֶע אוֹיגְן פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ, עֶס לַאכְט און שְׁמֵייכְלְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן און בַּיים סוֹף הַרְגְ'עט עֶס אִים"; פוּן דִי פָּאר ווֶערְטֶער הָאט עֶר גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, עֶר הָאט זִיךְ פַארְשֶׁעמְט; עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען און מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען. יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן בַּאגֶעגְנְט און גֶעפְרֶעגְט: "לִיפָּא, עִמָּנוּ הֱיִיתֶם, בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען צוּזַאמֶען מִיט מִיר בַּיים רֶבִּי'ן, וואוּ בִּיסְטוּ הַיינְט?!" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיר פַארְשֶׁעמְט!"

נִישְׁט גֶעשְׁטוֹיגְן און נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶען פַארְשֶׁעמְט? דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת, דֶער רֶבִּי הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים, עֶר זָאל זוּכְן אַבִּיסְל תַּכְלִית; נָאר וָואס דֶען? דֶער יֵצֶר הָרָע אַרְבֶּעט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶר מַאכְט עֶס זָאל זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, אַבִּי עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן.

כַאפּ זִיךְ שְׁטַארְק אָן בַּיים רֶבִּי'ן, חַבֵר זִיךְ נִישְׁט מִיט קַיין לֵצִים; דֶער וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת אִיז אַ פַאר'מִיאוּס'טֶער מֶענְטְשׁ. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי

כד, ט): "וְתוֹעֲבַת לְאָדָם לֵץ", לֵיצָנוּת מַאכְט מֶען זָאל וֶוערְן פַּארְ'מִיאוּסְ'ט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֵיצָנוּת מַאכְט מֶען זָאל וֶוערְן פַּארְעֶקְלְט בַּיי מֶענְטְשְׁן; אַנְטְלוֹיף פוּן לֵצִים - וֶועסְטוּ קֶענֶען נֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

זוֹכֶה זַיין צוּ נֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען נָאר אוֹיב מֶען הָאט תְּמִימוּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", ווייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִיס צוּם טִיר (דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן?! וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאךְ אִיךְ חֲתוּנָה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים שְׁלִיטָ"א, דִי חֲתוּנָה וֶועט זַיין אִין יְשִׁיבָה. דֶער חָתָן הָאט זַיינֶע יָארְן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן נָאר פַאר תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַסַאךְ אִידְן מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז עוֹסֵק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס וֶועלְן קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת זָאלְן נִישְׁט דְרֵייְוֹן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

אַייעֶר טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ׳ שְׁרַייבְּט מִיר אוֹיבּ זִי זָאל יֶעצְט מַאכְן לֵייסֶענְס צוּ פִירְן אַ קַאר; זִי שְׁרַייבְּט אַז אִיר וִוילְט זִי זָאל מַאכְן יֶעצְט לֵייסֶענְס.

מִיר אִיז אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער אַז אִיר זֶענְט מַסְכִּים דֶערְצוּ, אַ יוּנְג מֵיידְל פוּן זֶעכְצְן יָאר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען דְרֵייוְוֹן; אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן אַז אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת זָאלְן דְרֵייוְוֹן.

אַז אִיר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זוּכְן פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער אַ צְוֵוייטֶע סְקוּל, בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵּיגָא אִיז דָאס נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעצְט עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, לְמַעֲשֶׂה וִויל אִיךְ יָא עֶנְדִיגְן יֶעצְט דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן.

פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט ..., מַאךְ מִיט אִים דִי פְּלֶענֶער צוּ עֶנְדִיגְן בֵּיידֶע שְׁטָאקְן, דִי טְרֶעפּ אוּן דִי עֶלֶעוֶועיטָאר, אַלֶעס, הַכֹּל בַּכֹּל; מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף וֶועל אִיךְ שַׁאפְן דִי גֶעלְט דָאס צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן.

בְּרֶענְג אַהֵיים יֶעדֶע וָואךְ דִי קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דָאס זָאל זַיין דִי נַייעֶס פוּנֶעם שַׁבָּת. בַּיי דִי סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן דִי בְּרִיוו; דֶערְצֵייל זֵיי דִי פְּרַאגֶעס אוּן דִי עֶנְטְפֶערְס כְּדֵי עֶס זָאל זַיין בַּיי זֵיי

אַיינְגֶעקְרִיצְט פוּן יוּנְגְוֵייז אָן דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי וִויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

שַׁבָּת לֵיינְט זִיךְ דִי בְּרִיווּ גָאר אַנְדֶערְשׁ, שַׁבָּת גֵייט עֶס אַרַיין שְׁטֶערְקֶער ווִי אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

...

## דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף עֶנְגְלִישׁ אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן **מָרַת ... תְּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעְן דִי בְּרִיווּ וָואס אִיר זֶענְט מְתַרְגֵּם, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף עֶנְגְלִישׁ; עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, עֶס צִיט צוּ לֵיינֶען אֵיין בְּרִיווּ נָאכְן צְוֵוייטְן.

שְׂכָרֵךְ הַרְבֵּה מְאֹד, אַייעֶר שְׂכַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שֶׁענְקֶען כֹּחוֹת הַנֶּפֶשׁ, אִיר זָאלְט קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

...

## דֶער גִּלְיוֹן פוּן שְׁטֶעטְל לֶעבְּט אוֹיף דֶעם שַׁבָּת טִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער גִּלְיוֹן פוּן שְׁטֶעטְל אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֵיינֶען מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה; יֶעדֶע וָואךְ וֶוערְט עֶס שֶׁענֶער אוּן שֶׁענֶער.

אוֹיךְ דִי חִידוֹת פַאר קִינְדֶער אִיז זֵייעֶר שֵׁיין, אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְט מִיר אַז זַייט דֶער בְּלֶעטְל פוּן שְׁטֶעטְל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי חִידוֹת הָאט זַיין שַׁבָּת טִישׁ בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע פָּנִים. עֶר הֵייבְּט אָן אִין שׁוּל, עֶר וַוייזְט פַאר דִי קִינְדֶער דִי חִידוֹת, דִי קִינְדֶער וֶוערְן זֵייעֶר נֵייגֶערִיג, אָבֶּער עֶר זָאגְט עֶרְשְׁט דִי עֶנְטְפֶערְס בַּיי דִי סְעוּדָה. אַלֶע הֶערְן אוֹיס, אַלֶע פְּרוּבִּירְן צוּ זָאגְן

ענטפערס; צום ביישפיל, פאריגע וואך איז געווען א חידה 'וואס האט רבי נתן געטון בשעת מען האט אים געבינדן מיט קייטן?' איין קינד זאגט: "ער האט געזאגט גם זו לטובה", איינער זאגט: "ער האט געזאגט אלעס איז דער אייבערשטער"; ווען אלע ענדיגן זאגן די ענטפערס קומט דער טאטע מיט זיין ענטפער.

ער טוט דאס אויך מיט עצתו אמונה; ער פרעגט א שאלה ביי די סעודה און יעדע קינד פרובירט צו ענטפערן, ער דערציילט מיר אז פאריגע וואך האט ער געפרעגט די שאלה וואס א אינגערמאן פרעגט 'וואס קען איך טון אז מיין ווייב האט א טריפה'נעם טעלעפאן?' איין קינד זאגט ער זאל זיך גט'ן און חתונה האבן מיט א צווייטן; ווען אלע ענדיגן זאגט ער: "יעצט וועט מען הערן וואס דער ראש ישיבה זאגט, דער ראש ישיבה זאגט ער זאל זיך חס ושלום גט'ן, גט'ן איז נישט די עצה".

מיט קינדער דארף מען האבן גרויס חכמה ווי אזוי זיך צו פירן זיי זאלן אויסהערן און מיטהאלטן.

...

## אכטונג געבן אויף די בחורים נישט צו גיין אין רעסטוראנט ביינאכט

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת משפטים, כ"ז שבט, שנת תשפ"א לפרט קטן
מרת ... תחיה'

איך וויל אייך אויפמערקזאם מאכן, איך הער אז אייער בחור זיצט אסאך אין רעסטוראנט ביינאכט, ער קויפט זיך טייערע סעודות.

איך ווייס נישט וואו די בחורים פארברענגען די נעכט; ווען ישיבה ענדיגט זיך גייען די בחורים אהיים, פון דעמאלט דארפן די עלטערן וויסן וואס זייער סדר הלילה איז.

מילא בחורים וואס קומען פון צעריסענע שטובער, צעטיילטע עלטערן - זיי האבן נישט וואו צו עסן, אבער אייער זון האט עלטערן, ער האט א

שְׁטוּבּ - אִיז פַארְוָואס זָאל עֶר גֵיין מַאכְן סְעוּדוֹת נַאכְט נָאךְ נַאכְט אִין רֶעסְטוֹרַאנְט? עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, נִישְׁט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת; דָאס אַרוֹיסְגֵיין עֶסְן אִיז אַ זַאךְ וָואס וֶוערְט אַ גֶעוואוֹינְהֵייט, עֶר וֶועט דָאס אַדָאפְּטִירְן אוֹיף נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, עֶר וֶועט אַלְץ וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין מִיט חֲבֵרִים, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייעֶרֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים, זֵיי זָאלְן הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, וָואס הָאבְּן גֶעהִיטְן אוֹיף מִיר בִּיז מַיין חֲתוּנָה; זֵיי הָאבְּן זִיכֶער גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל אַלֶעס הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ זָאל נִישְׁט גֵיין אִין קַיין רֶעסְטוֹרַאנְט עֶסְן, אֲפִילוּ אִין גְרָאסֶערִי הָאט מִיר מַיין מַאמֶע נִישְׁט גֶעשִׁיקְט; זִי הָאט אַלְץ גֶעשִׁיקְט דִי טֶעכְטֶער, אַז אִירֶע זוּן זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

...

## זִיךְ פְרֵייעָן מִיט דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ח שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן ... ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מֶען דַארְף הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם", אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', "כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם, כִּי כֻלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", וַוייל דָא אִיז נִישְׁטָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז דֶער גֵיהִנּוֹם אַלֵיינְס, יֶעדֶער הָאט זַיינֶע יִסּוּרִים. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם) יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יִסּוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִסּוּרִים

וְכוּ׳, אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט וֵוייניג אוּן דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאג; אוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

דֶערְפַאר אִיז אַ שָׁאד מְקַנֵּא צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן; יְעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן. מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף זִיךְ, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְּן.

דִי אַלֶע וָואס לֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, זֵיי זֶענֶען מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע - דִי עֶסְן זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה - עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בִּפְשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף וֶוען מֶען שְׁטַארְבְּט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא גֶעוֶוען וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֶבֶר, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז דָאס מֵיינְט מֶען לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ; בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף, עֶר טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן וִוי יֶענֶעם? פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא וַוייבּ וִוי יֶענֶער? פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא הוֹיז וִוי יֶענֶער? אַ קַאר וִוי יֶענֶער?' בֶּאֱמֶת דַארְף אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן 'אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי סָארְט לֶעבְּן; דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער אוּן דִי דִירָה וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיז דָאס גוּט פַאר מִיר; דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר, בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין'.

הַלְוַואי זָאלְן מִיר אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן דֶער לֶעבְּן פוּנֶעם תָּם. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶער חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט), וִוי דֶער תָּם הָאט גֶעהַאט אַ גוּט לֶעבְּן אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַאבְּרִיצִירְן שִׁיךְ, וֶוען

ער האט שוין געענדיגט מאכן דעם שיך האט עס געהאט יענץ פָּנִים, עס האט געהאט דריי עקן, אבער ער פלעגט אנכאפן דעם שיך און זיך מְחַיֶּה זיין דערמיט, ער פלעגט זאגן: "וואס פאר א שיינקייט, וואס פאר א וואוילקייט דאס שיכעלע איז, וואס פאר א זיסקייט דאס שיכעלע איז, וואס פאר א האניג'דיג, וואס פאר א צוקער'דיג שיכעלע דאס איז"; אבער זיין ווייב האט זיך זייער געוואונדערט, זי האט אים געפרעגט: "אז עס איז יא אזוי, פארוואס אנדערע שוסטערס נעמען דריי גילדן פאר א פאר שיך און דו נעמסט נאר א האלבן טאלער?" האט איר דער תם געענטפערט: "וואס האט דאס צו טון מיט מיר? דאס איז יענעמס מַעֲשֶׂה און דאס איז מיין מַעֲשֶׂה, און ווייטער פארוואס דארפן מיר שמועסן פון אנדערע מענטשן? לאמיר מאכן א חֶשְׁבּוֹן וויפיל איך פארדין פון דעם שיך", ער פלעגט צאמרעכענען וויפיל ער האט אויסגעגעבן פאר די סְחוֹרָה און וויפיל עס איז אים אריינגעקומען רֶיוַח און ער האט געזען אז ער האט מַרְוִיחַ געווען צען גראשן, האט ער געזאגט פאר זיין ווייב: "וואס זאל מיר באדערן אז איך האב פארדינט עפעס רֶיוַח מִיַּד לְיַד?"

אין די מַעֲשֶׂה ליגט דער סוֹד ווי אזוי מען קען האבן א חַיִּים טוֹבִים אויף דער וועלט; א מענטש האט נישט וואס צו קוקן אויף א צווייטן, אז מען קוקט אויף א צווייטן האט מען נישט קיין לעבן, איינער וואס איז מְקַנֵּא א צווייטן עסט זיך אויף לעבעדיגערהייט. מען דארף געדענקען די פאר ווערטער: "וואס האט דאס צו טון מיט מיר? דאס איז יענעמס מַעֲשֶׂה און דאס איז מיין מַעֲשֶׂה, און ווייטער פארוואס דארפן מיר שמועסן פון אנדערע מענטשן?"

טייערע חֲבֵרִים, טייערע תַּלְמִידִים; לאמיר געדענקען וואס דער רֶבִּי וויל פון אונז, לאמיר בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן פאלגן דעם רֶבִּי'ן. ביים רֶבִּי'ן איז געווען טָהֳרַת הַמַּחְשָׁבָה דער עִיקָּר, מען זאל האבן א ריינעם געדאנק, דערפאר האט דער רֶבִּי זייער אסאך גערעדט פון שְׁלוֹם בַּיִת, מען זאל זיין בְּשָׁלוֹם מיט די ווייב; נאר אזוי קען מען האבן א ריינעם מֹחַ.

אמאל איז דער רֶבִּי געזעצן ביים טיש מיט די תַּלְמִידִים און איינער פון

דִי אָנְוֶועזֶנְדֶע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט זַיין וַוייבּ, אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "וִוי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ. וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן - אוֹיף וֶועם דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאצוֹיגְן - הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז דָאס גֵייט מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיטְ'ן זָאגְן תּוֹרָה; זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו בִּכְלָלִיּוּת פַאר דִי גַאנְצֶע חַבוּרָה אָבֶּער דִי כַּוָונָה אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בִּפְרָטִיּוּת. אִיךְ בֶּעט יֶעדְן פוּן אַייךְ בַּאזוּנְדֶער, הֶער זִיךְ אוֹיף קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין אַ גֵיהִנוֹם? טָאג אוּן נַאכְט אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט טַעֲנוֹת אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, בֶּעט אִיךְ דִיר, גֵיי אַרוֹיס פוּן גֵיהִנוֹם, הֶער זִיךְ אוֹיף צוּ קְרִיגְן, לֶעשׁ אוֹיס דִי פֵּייעֶר, זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט; מֶען וֶוערְט נִישְׁט מֶער פְרֵיילִיךְ אוּן מֶער צוּפְרִידְן וֶוען מֶען אִיז גֶערֶעכְט, לָאז אִיר זַיין גֶערֶעכְט, גֶעבּ אִיר נָאךְ, בֶּעט אִיר אִיבֶּער, בְּלַייבּ מִיט אִיר אִין שְׁטוּבּ אַנְשְׁטָאט גֵיין מִיט חֲבֵרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שֵׁיין צוּ זֶען וִוי דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט אַ בֵּית הַדְּפוּס בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בִּילְדֶער פוּנֶעם נֵייעֶם מַאשִׁין.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּנֶעם גֶעדַאנְק אַז דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אַ מַאשִׁין צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת.

עֶס אִיז שֵׁיין צוּ זֶען אַ בִּילְד וואו אִינֶעם דֵיינוּנְג רוּם נֶעבְּן דֶעם שַׁבָּת טִישׁ, נֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע מֶעבְּל - שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶע דְרוּקֶער; עֶס אִיז אַ נַייעֶר דֶערְהֶער, בַּיי אוּנְז הָאט דָאס נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעטוּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוִויזְן דִי בִּילְדֶער פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אַמֶערִיקֶע, אַלֶע זֶענֶען אַרוֹיס פוּן הִתְפַּעֲלוּת צוּ זֶען דִי שְׁטַארְקֶע בְּרֶען אוּן חַיּוּת וָואס אִיז דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי דִי מֵפִיצִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ קוּמְט פַּאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אַז זִי אִיז מַסְכִּים דִי מַאשִׁין זָאל לִיגְן אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מֶען בַּאקוּמְט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת וֶוען מֶען הֶערְט רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

הַיינְט נַאכְט אִיז דָא אַ פְרוֹיעֶן צַאמְקוּם; אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, קוּמְט הֶערְן אַבִּיסְל חִיזוּק פַאר'ן לֶעבְּן. עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז אִיר קוּמְט נִישְׁט, אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיר פַארְפַּאסְט; מֶען בַּאקוּמְט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת וֶוען מֶען הֶערְט רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי קַטְנוּת הַדַעַת.

וֶוען עֶס קוּמְט פַארְנַאכְטְס אִיז יֶעדֶע אִידִישֶׁע מַאמֶע אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט; מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת, מֶען פַארְלִירְט דִי חֵשֶׁק צוּ קוּמֶען, אָבֶּער נָאכְן קוּמֶען, נָאכְן הֶערְן אַ שִׁיעוּר - טְרַאכְט מֶען 'נָאךְ גוּט אִיךְ בִּין יָא גֶעקוּמֶען הֶערְן דִי חִיזוּק, דִי לוּפְט צוּם אָטֶעמֶען'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואו מֶען גֵייט עֶסְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

גֶעבּ אַכְטוּנְג וואו דוּ עֶסְט און וָואס דוּ עֶסְט; בִּפְרַט פְלֵיישִׁיגְס דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן וָואס פַאר אַ הֶכְשֵׁר מֶען עֶסְט, וֶוער זֶענֶען דִי שׁוֹחֲטִים און בּוֹדְקִים; מַאךְ זִיךְ אַ גֶּדֶר צוּ עֶסְן נָאר גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים.

בִּכְלַל וויל אִיךְ דִיר לֶערְנֶען, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז דוּ עֶסְט אִין רֶעסְטוֹרַאנְט; קוֹדֶם כָּל אַלְס הֶכְשֵׁר, אַז עֶס שְׁטֵייט אִידִישֶׁע אוֹתִיּוֹת אוֹיפְ׳ן טִיר מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶס אִיז בְּתַכְלִית הַהִדּוּר, אֲפִילוּ עֶס אַרְבֶּעט דָארְט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֵיינְט עֶס גָארְנִישְׁט. צְוֵוייטְנְס, עֶס וֶוערְט אַ גֶעווּאוֹינְהֵייט; עֶס וֶועט דִיר אָפְּקָאסְטְן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער. בַּאלְד הָאסְטוּ חֲתוּנָה, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן צוּ זִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ, דַיין גֶעווּאוֹינְהֵייט פוּן גֵיין עֶסְן אִינְדְרוֹיסְן וֶועט דִיר אַהִינְצִיעֶן, עֶס וֶועט דִיר אַרַיינְשְׁלֶעפְּן אִין חוֹבוֹת און אִין אַסַאךְ אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ עֶסְן סִירִיעֶל מִיט מִילְךְ אִין שְׁטוּבּ, ווִי אֵיידֶער גֵיין זוּכְן גְלִיקְן אִינְדְרוֹיסְן.

...

## ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם יוֹם הַחֻפָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**חָשׁוּבְ׳עֶ כַּלָּה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אַלֶע כַּלּוֹת פְרֶעגְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, ׳אוֹיף וָואס דַארְף מֶען דֶער עִיקָר בֶּעטְן בְּיוֹם הַחֻפָּה?׳ אַסַאךְ כַּלּוֹת גֵייעֶן אַרַיין אִין אַ לַחַץ פוּן ״אוֹיסְנוּצְן דֶעם יוֹם

הַחֻפָּה", מֶען שְׁפִּירְט שְׁלֶעכְט טֶעג און וָואכְן פַאר דִי חֲתוּנָה אַז "אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ נִישְׁט 'אוֹיסְנוּצְן מַיין יוֹם הַחֻפָּה'", "וָואס קֶען אִיךְ טוּן 'אוֹיסְצוּנוּצְן מַיין יוֹם הַחֻפָּה'"?

אֱמֶת טַאקֶע, דִי יוֹם הַחֻפָּה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע טָאג, מֶען קֶען אִין דֶעם טָאג אַלֶעס פַארְעַכְטְן, אָבֶער אוֹיב קוּמְט אַרַיין לְחָצִים אוּן פְּחָדִים, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אוֹיב אִיז מֶען רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט אִיז מֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, פְּחָדִים פוּן "אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט" הָאט נִישְׁט מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אִין מַחֲשָׁבָה 'וָואס דַארְף אִיךְ טוּן?' זָאלְט אִיר גֶעדֶענְקֶען וָואס צוּ טוּן; מֶען דַארְף אֵיין זַאךְ טוּן, זָאגְן: "יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶערְשְׁטֶער"; דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן.

אִינֶעם יוֹם הַחֻפָּה זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז אִיר הַאלְט שׁוֹין דָא, אִיר שְׁטֵייט שׁוֹין אִינֶעם טָאג פוּן אַייעֶר חוּפָּה.

אִיר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אַ תְּפִלָּה וָואס צוּ בֶּעטְן בְּיוֹם הַחֻפָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר; דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, דוּ גֶעבְּסְט מִיר אַלֶעס, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן.

הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַז מַיין גַאנְץ לֶעבְּן זָאל אִיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה; אִיךְ, מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע, רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין דִיר; אִיךְ מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה זָאלְן זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּ הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן שֶׁפַע, פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, לַייז אוּנְז שׁוֹין אוֹיס פוּנֶעם גָלוּת".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן אוּן צוּלֵייגְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, אָבֶער אָן קַיין לַחַץ.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן מִיט אַייעֶר חָתָן אַ לִיכְטִיגֶע שְׁטוּב, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְוֹת, אָמֵן.

...

# עֶס אִיז פּוּרִים הַיינְט, פַאַרְוָואס טַאנְצְטוּ נִישְׁט?

ר׳ מֵאִיר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וָואס גֵייט פָּאר מִיט דֶעם אִיד; אַלֶע טַאנְצְן, אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, פַארְוָואס טַאנְצְט עֶר נִישְׁט מִיטְ׳ן גַאנְצְן עוֹלָם?

ר׳ מֵאִיר גֵייט צוּ אוּן פְרֶעגְט אִים: "ר׳ אִיד, פַארְוָואס קוּמְט אִיר נִישְׁט טַאנְצְן? אַלֶע יָארְן קוּמֶען זִיךְ צַאם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט, מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מִיר הָאבְּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן הָמָן הָרָשָׁע - דֶער יֵצֶר הָרָע, וָואס וִויל הַרְגְ׳עֶנֶען אוּנְזֶער נְשָׁמָה, מִיר טַאנְצְן אוּן מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַלֶע מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִי צַדִּיקִים, פַארְוָואס טַאנְצְט אִיר נִישְׁט?"

דֶער אִיד קוּקְט אָן ר׳ מֵאִיר אוּן זָאגְט אִים: "וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ טַאנְצְן וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ צִבְיָ׳ אוֹיפְ׳ן קָאפּ?" זָאגְט אִים ר׳ מֵאִיר: "וָואס רֶעדְט אִיר, אַ צִבְיָ׳ אוֹיפְ׳ן קָאפּ? אִיךְ זֶע

אִיר הָאט אַ שְׁטְרַיימְל אוֹיפְ׳ן קָאפּ!״ דֶער אִיד הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: ״אִיךְ הָאבּ אַ טָאכְטֶער, זִי אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער, זִי דַארְף אַ שִׁידוּךְ; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, קֵיינֶער ווִיל זִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט מִיר; אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אוֹיף מַיין קָאפּ אַ שְׁטְרַיימְל אָבֶּער צִבְיָ׳ דְרוּקְט מִיר אִין מַיין קָאפּ; אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן פוּן מַיין צָרָה, ווִי קֶען אִיךְ טַאנְצְן?״ דֶער אִיד הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן מֶער, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען.

ר׳ מֵאִיר קוּקְט אִים אָן, עֶר זֶעט ווִי עֶר וֵויינְט אוּן זָאגְט אִים: ״ר׳ אִיד, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ נִישְׁט, אִיר הָאט טַאקֶע אַ צִבְיָ׳ אוֹיפְ׳ן קָאפּ, אִיז דָאס אָבֶּער דִי וֶועג - צוּ זִיצְן דֶערְבִּיטֶערְט? דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז מֶען הָאט אַ צָרָה שְׁרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז עֶס דְרוּקְט אוֹיפְ׳ן הַארְץ גִיסְט מֶען זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוּמְט טַאנְצְן מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל אַייךְ ווַייזְן וָואס אִיר זָאלְט טוּן מִיט צִבְיָ׳, אִיךְ וֶועל זָאגְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיר וֶועט מִיר נָאךְ זָאגְן״, ר׳ מֵאִיר הֵייבְּט אָן זָאגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כה, יז): ״צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ״, מַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, ״מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי״, בַּאשֶׁעפֶּער זִיסֶער הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער; ר׳ מֵאִיר זָאגְט אִים: ״זָאג מִיר נָאךְ״, דֶער אִיד הָאט נָאכְגֶעזָאגְט אוּנְטֶער דִי נָאז: ״צָרוֹת לְבָבִי ...״, ר׳ מֵאִיר זָאגְט אִים: נִישְׁט אַזוֹי, זָאג הוֹיךְ! שְׁרֵיי: ״צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ״, מַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, ״מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי״, אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער; זֵיי הָאבְּן

אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן בִּיז דֶער אִיד אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט צִבְיָ׳ אִין זַיין קָאפּ, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.




דֶער אִיד שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

נָאךְ פּוּרִים אִיז גֶעשֶׁען אַ גְרוֹיסֶע נֵס, צִבְיָ׳ אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן מִיט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָתָן; בֵּיידֶע - סֵיי דֶער חָתָן הָאט נִישְׁט גֶעזוּכְט אַ כַּלָּה וָואס הָאט גֶעלְט, דֶער חָתָן הָאט גֶעזוּכְט אַ כַּלָּה וָואס לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִי לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק; אוֹיךְ דִי כַּלָּה הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אַז זִי הָאט

גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶער חָתָן, אַ חָתָן וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלְט. זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

יֶעצְט וֵוייסְן שׁוֹין אַלֶע בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר קִינְדֶער וָואס מֶען טוּט וֶוען עֶפֶּעס טוּט וֵויי; בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר קִינְדֶער וֵוייסְן אַז אוֹיבּ עֶפֶּעס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ, אוֹיבּ מֶען צֶעקְלַאפְּט זִיךְ, אוֹיבּ מֶען הָאט עֶפֶּעס גֶעוָואלְט אוּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען - זִיצְט מֶען נִישְׁט אִין דִי זַייט בַּאבְלָאזְן, נָאר מֶען זָאגְט: "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ", מַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, "מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער.

---

**חשוב׳ע טייערע קינדער שיחיו!**

דער גליקליכער געווינער פון חודש אדר איז הילד החשוב כמר חיים לייבוש שרייבער נרו יאיר פון אנטווערפן (5-1/2), וועלכער האט אריינגעשיקט די פאלגנדע הודעה:

**"איך האב זייער ליב געהאט די מעשה אין עצתו אמונה פאר קינדער פרשת משפטים, אז דער רבי האט געגעבן די געלט פאר צדקה אנשטאט צו קויפן א נאש".**

די קומענדיגע גורל וועט מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף פארקומען זונטאג פרשת ויקרא, ראש חודש ניסן, דעם טאג וואס דער הייליגער רבי איז געבוירן געווארן.

**געדענקט, מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל!**

**כאפטס אריין!**

די נומער וואו מען קען דערווייל לאזן מעסידזשעס איז:

718-387-2691 - אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל

הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט"א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס: info@kerenhadfusa.org

א חלק פון די הערליכע מעסידזשעס וואס די חשוב'ע קינדער האבן ארייגעשיקט:

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון די מעשה (עצתו אמונה פאר קינדער, פרשת וארא), אז אפילו מ'פאלט דורך מיט אן עבירה שטעלט מען זיך אויף און מען טוט תשובה".**

אליעזר שלמה אינדארסקי, כתה ד', אצל המלמד הר"ר ישראל יוסף שניצלער שליט"א, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, ליבערטי

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פרשת שמות אז מען טאר קיינמאל נישט אויפגעבן"**

נחמן שמחה אפלבוים, לעיקוואד

**"איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פרשת משפטים, אז ווען מ'געט צדקה וואקסט מען אויס א גרויסער צדיק"**

נחמן נתן סאמעט, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, וויליאמסבורג, כתה ג', אצל הר"ר ישראל יעקב ווייס שליט"א

בס"ד



נייעס פון "קול ברסלב"
212-444-9191
845-351-0910
זונטאג משפטים – זונטאג תרומה תשפ"א
טעגליכע קורצע עצות און חיזוק, ווי אייך אנצוקומען שנעל צו די נייסטע שיעורים
1
שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א
2
שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע
3
מלמדים שטיבל און אנדערע שיעורים
4
היכל נגינה
5
שיעורים בסדרן מיט צו זאגן
6
פאמיליע ווינקל
7
8
צו מנדב זיין פאר די האטליין און ישיבה, פאר אנווייזונגען און אינפארמאציע, זיך צו פארבינדן מיט די מערכת און פאר די לייוו הוקאפ
9
אפדעיטס און נייעס
0
7
1
7
2
2
1
5

*****משנכנס אדר מרבין בשמחה*****

ניי אינעם פורים אפטיילונג: 1, 9, 7 פון די מעין מעניו:

2 - אן אונטערגעהערטע שמועס צווישן א שדכן און א חשוב'ע מחותן

*****ניי אין די מלמדים אפטיילונג – אינטערוויוס מיט מלמדים און מחנכים*****

4, 2, 5:

6 - אינטערוויו מיט ר' הערשי שניטצלער, איבער די משפטים בלעכענע הויזן און נאך פילע אינטערעסאנטע טיפס פאר מלמדים און מחנכים

90 - שיעור פון זונטאג משפטים: איך האב א חבר

91 - שיעור פון מאנטאג משפטים: ס'ליגט אויפ'ן צונג

92 - שיעור פון דינסטאג משפטים: איך בין נישט פרייליך

93 - שיעור פון מיטוואך משפטים: פרישע נייעס

1

שיינע שמועסן ביים סוף פון פסחים דף פא [שמועס פאר מלמדים אויף פרשת משפטים], פג [א שמועס פאר מלמדים]

6

18 – שיעור פאר אינגעלייגט ליל שישי פרשת משפטים: אלעס האט א חשבון

1

פרישע שמועסן אין מלמדים שטיבל

פרישע מעשיות פון תפלה פון אינגעלייט, בחורים און קינדער

4

פרישע פערזענליכע מעשיות און חיזוק אויף הפצה

103 - אן אינטערוויו מיט ר' יצחק שמואל פרענקל פון ירושלים עיה"ק, א שפאציר אין בית המדרש היכל הקודש אין ירושלים.

104 - א שמועס מיט ר' נפתלי אפפעלדארפער, אן אינטערעסאנטע עפיזאד ווי אזוי ער האט זיך אויפגעוועקט דורך א שיעור פון דער ראש ישיבה.

105 - א שמועס מיט ר' פנחס צוויבל, אינטערעסאנטע געדאנקען אויף די מגילה, און נאך.

106 - אן אינטערוויו מיט ר' ישראל גרומאן פון ציפורי, אין ארץ ישראל, איבער די פראבלעם פון עדיקשן און אן אקסידזשען טאנק וואס קען העלפן פארדעם.

# שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

1, 12: ג' תרומה תשע"ה - איינער שטייט אונטער דעם

2, 33: ב' תרומה תשע"ו - משנכנס אדר מרבין בשמחה – חובות
2, 34: ג' תרומה תשע"ו - שידוכים
2, 35: ד' תרומה תשע"ו - יעדער קען לערנען

3, 68: א' תרומה תשע"ז - שיכור ווי לוט
3, 69: ב' תרומה תשע"ז - ניגונים און גראמען
3, 70: ג' תרומה תשע"ז - א טוויט פון טראמפ
3, 71: ה' תרומה תשע"ז - פארגלאצט

4, 68: א' תרומה תשע"ח - פשוט'ע זאכן
4, 69: ב' תרומה תשע"ח - יענער איז נישט שולדיג
4, 70: ג' תרומה תשע"ח - אליין קען מען נישט גיין
4, 73: ד' תרומה תשע"ח - א פשוט'ע סביבה
4, 74: ה' תרומה תשע"ח - א הויז אדער א היים?
4, 75: ה' תרומה תשע"ח - שיעור בבית המדרש ברסלב לעיקוואד
4, 76: א' תצוה תשע"ח - מחיית עמלק
4, 77: ב' תצוה תשע"ח - וואס מאכט פרייליך
4, 78: ג' תצוה תשע"ח - המן און עמלק
4, 79: ה' תצוה תשע"ח - תמחה את זכר עמלק
**4*, 80: ב' תשא תשע"ח - שלום מאכן פורים**
**4*, 81: ג' תשא תשע"ח - ס'איז פורים אויף דער וועלט**

5, 76: א' תרומה תשע"ט - סיום ירושלמי כלאים
5, 77: ב' תרומה תשע"ט - איך האב נישט קיינעם
5, 78: ג' תרומה תשע"ט - איך דארף א דאקטער
5, 79: ד' תרומה תשע"ט - וואס וועט זיין?
5, 80: ה' תרומה תשע"ט - צווישן עלטערן און קינדער

5, 81: א' תצוה תשע"ט - ברסלב איז נישט פאר דיר
5, 82: ב' תצוה תשע"ט - אויבער חכם
5, 83: ג' תצוה תשע"ט - א האניגדיג לעבן
5, 84: ה' תצוה תשע"ט - חסדי ה'
**5, 99: ד' ויקרא תשע"ט - תמחה את זכר עמלק***
**5, 100: ה' ויקרא תשע"ט - פרייליך נאר מיט אמונה***
**5, 101: ב' צו תשע"ט - א פרייליכן פורים***
**5, 102: מוצאי שבת קודש צו תשע"ט - סעודת שושן פורים***

6, 83: ב' תרומה תש"פ - אידישע שמחות
6, 84: ד' תרומה תש"פ - נאך א וועלט
6, 85: ה' תרומה תש"פ - כיבוד אב ואם
6, 86: מוצאי שבת קודש פרשת תרומה תש"פ - מסיבת הכרת הטוב
6, 87: א' תצוה תש"פ - איך וויל זיין גוט
**6, 88: ב' תצוה תש"פ - ס'קומט שוין פורים***
6, 89: ה' תצוה תש"פ - סיום מסכת ברכות
**6, 90: ה' תצוה תש"פ - טייערע משלוח מנות***
6, 91: א' תשא תש"פ בקרית ברסלב, ליבערטי - סיום מסכת ברכות
6, 92: מוצאי שבת קודש פרשת תצוה תש"פ בבארא פארק - סיום מסכת ברכות
**6, 93: שושן פורים תש"פ***

## שיעורים פאר אינגעלייט:

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

**1, 1: ב' תצוה תשע"ה - שלום בית**

2, 12: ב' תרומה תשע"ז - אביסל געפיל
**2, 13: ב' תצוה תשע"ז - אכטונג געבן אום פורים***

3, 17: ב' תרומה תשע"ח - א שיינע לעבן
**3, 18: ב' תשא תשע"ח - וואו איז פרייליך פורים?***

4, 16: ה' תרומה תשע"ט - לאמיר מאכן קידוש
**4, 20: ה' ויקרא תשע"ט - שבת זכור***

5, 18: ה' תרומה תש"פ - דאס בין איך
**5, 19: ה' תצוה תש"פ - פורים מאכט מען שלום***